# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן**
**ביים דאווענען**

גליון י'

## די אלטע סגולה - תפלה בכוונה

איך וואלט געוועןן דאנקבאר אויב איר קענט מפרסם זיין דאס פאלגנדע צו זיין א מזכה את הרבים.

עטליכע וואכן צוריק האב איך געמוזט פארן ערב שבת אין שפיטאל מיט מיין זון שיחי', וועלכער איז ליידער קראנק געווארן אויף א מחלה אויף די נירן ל"ע. אזוי פארנדיג אויפ'ן וועג האב איך אריינגעטראכט מיט צעבראכנקייט אין מיין פארצווייפלטן מצב. דא מוטשע איך זיך שווער מיט פרנסה, און דא איז מיין זון יעצט קראנק געווארן, און איך מוז אנקומען צו זיין שבת אין שפיטאל וואס איז גארנישט קיין באַ'טעמ'טע זאך.

וועלנדיג אביסל פארגעסן פון מיינע דאגות האב איך אנגעצונדן מיין סעלפאן און געקלונגען צו "קול הלשון". איך האב "אויפגעמישט" צו דער אפטיילונג פון שיעורים פון תורה און מוסר וואס ווערן איבערגעגעבן בשעת מעשה, און זיך צוגעהערט צו א מוסר-שיעור פון דעם משפיע הרב בן ציון הכהן סנה שליט"א, און צווישן אנדערן האט ער געזאגט די ווערטער וואס איך ציטיר דא פאלגענד: "אט שטייען מיר יעצט פאר'ן יום טוב שבועות, חג מתן תורתינו, ווען כנסת ישראל שטעלט זיך אונטער דער חופה, און יעדער איינער נעמט זיך אוודאי פאַר גוטע קבלות. איז אפשר יעצט די צייט צו רעדן און מעורר זיין אויף אן ענין וואס דארף א תיקון און וואס מען דארף דערין אריינטראכטן מיט אן ערנסטקייט און התבוננות.

"ווען האט א איד צייט צו לערנען? ווען כאפט אים אן א ספעציעלער חשק אריינצוקוקן אין א ספר? ווי עס ווייסן צו זאגן פיל מענטשן, קומט דאס אן דווקא ווען מען האלט אינמיטן דאווענען. בשעת דער ציבור זינגט 'לכה דודי', אדער אינמיטן חזרת הש"ץ, פונקט דאן דערוועקט זיך אין זיי א באזונדער געשמאק און התעוררות צו נעמען א אידיש ספר אין האנט און אדער אריינקוקן און זיך דערקוויקן מיט די פארשידענע תורה-בלעטער וואס קומען ארויס.

"אבער לאמיר אריינטראכטן: וואו זיצן מיר יעצט, צו וועמען רעדן מיר? איז עס ריכטיג אריינצוקוקן יעצט אין א ספר?? וואס פארדינען מיר דען פון אזא לערנען? נישט נאר וואס עס איז נישט קיין מצוה, נאר עס איז נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה?

"דער 'חתם סופר' זאגט שוין אויף דעם וואס די גמרא זאגט, 'הלוואי שיתפלל אדם כל היום', אז היות במשך פונעם טאג זעט מען נישט אז דער מענטש זאל אנקומען צו לערנען, נאר באלד ווי ער שטעלט זיך דאווענען, דעמאלט ווערט ער מיטאמאל א מתמיד און נעמט זיך לערנען - זאגט אויף דעם ר' יוחנן: הלוואי זאל דער מענטש דאווענען א גאנצן טאג, און אזוי וועט ער כאטש עפענען א ספר... אבער דאס איז, פארשטייט זיך, געזאגט נאר בדרך צחות.

"בנוגע דעם וואס מענטשן קוקן אריין אין ספרים און בלעטער דווקא בשעת דער ציבור זינגט "לכה דודי", וויל איך מעורר זיין וואס איך האב געהערט נאכזאגן בשם הרב מלימאנאוו שליט"א, אז ווען ער איז געווען אויפ'ן ציון פון הרה"ק המקובל האלקי רבי שלמה אלקבץ זי"ע, דער מחבר פון דעם פיוט 'לכה דודי', איז אנגעקומען דארט אן עלטערער איד און ער האט געזאגט, אז היות היינט איז די יארצייט פונעם בעל לכה דודי, און ער פלעגט קומען אהין אויפ'ן ציון הק' יעדעס יאר מיט מיין פאטער אינעם יומא דהילולא, וויל ער איבערגעבן וואס ער האט מקובל, אז מען זאל פאר יעדן מענטש וואס קומט ביים ציון איבערגעבן א שליחות פונעם בעל לכה דודי, נישט מעיין צו זיין אין קיין שום ספר (אויך נישט אין 'נועם אלימלך' אדער 'מאור ושמש') בשעת מען זינגט לכה דודי, ווייל די בעלי מחברים פון די ספרים האבן נישט קיין הנאה דערפון און בעטן זיך אז מען זאל פארמאכן זייערע ספרים אין אזא צייט, אז עס זאל נישט זיין 'שפתותיו דובבות בקבר' בשעת דער ציבור זאגט דעם פיוט, און אזוי אויך דער בעל לכה דודי איז זייער נישט צופרידן ווען איינער קוקט דעמאלט אריין אין א ספר.

דעריבער, לאמיר זיך מקבל זיין אויף זיך צו לערנען ווען מען דארף און דאווענען ווען מען דארף, און נישט 'אויסדרייען די יוצרות'."

די ווערטער פון דעם מגיד שיעור האבן געמאכט אויף מיר א שטארקן איינדרוק, און אנקומענדיג אין שפיטאל האב איך באלד געוועןן מקבל אויף זיך אזוי צו טון. איך האב געזאגט א תפלה צום רבונו של עולם: "הייליגער באשעפער, איך נעם זיך אונטער נישט צו לערנען אדער אריינקוקן אין קיין שום גליון אדער ספר בשעת'ן דאווענען און בשעת'ן זאגן לכה דודי, כאטש איך האב זייער ליב דעמאלט אזוי צו טון און אפט באקום איך דערפון א גרויס התעוררות. אין דעם זכות בעט איך דיר אז איך זאל געהאלפן ווערן און מיין זון וואס דארף יעצט דורכגיין די באהאנדלונגען זאל האבן א רפואה שלימה, און אזוי אויך זאל מיר לייכטער ווערן מיט פרנסה."

נאך עטליכע טעג בין איך אהיים פון שפיטאל און איך האב דאן נאכנישט געזען קיין שום פארבעסערונג אין מיין זונ'ס לאגע און אויך נישט קיין ענדערונג אין מיין מצב פון פרנסה. דעם קומענדיגן שבת האב איך איינגעהאלטן מיין קבלה און נישט אריינגעקוקט אין קיין ספר בשעת'ן דאווענען. איך האב נאר געדאוונט מיט גרויס כוונה און אריינגעטראכט אין די פירושי המילות, און דערביי האב איך געשפירט א געוואלדיגע רוחניות'דיגע פארגעניגן. דעם אנדערן מאנטאג בין איך ווידער געגאנגען מיט מיין זון אין שפיטאל פאר די באהאנדלונגען, אבער וואונדער איבער וואונדער! קוקנדיג אויף די רעזולטאטן פון די "עקסרעיס" און "אלטרא-סאונד", האט דער דאקטער געזאגט אז עפעס שטימט אים נישט, ער פארשטייט נישט וואס עס ווייזט, און ער האט געהייסן איבערמאכן די טעסטן. ווען מען האט עס נאכאמאל געמאכט און דער דאקטער האט עס איבערגעקוקט, האט ער זיך אנגערופן: "א נס פון הימל!" די אונטערזוכונגען האבן נישט געוויזן קיין צייכן פון קיין קראנקהייט.

ארום איין חודש שפעטער, האט זיך אויך פארבעסערט מיין מצב אין פרנסה. איך האב ממש געשפירט אז דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן מתפלל זיין צו אים מיט כוונה און נישט אריינקוקן אין קיין ספר ווען עס איז א צייט צו דאווענען. איך בין ב"ה געהאלפן געווארן אין זכות פון די דברי התעוררות, און האפנטליך וועלן נאך פיל אנדערע נתעורר ווערן לייענענדיג די דאזיגע שורות, און זאל עס זיין א זכות הרבים.

בברכה, (-)

## ביטול תורה?!

בקשר צו דעם מורא'דיגן ענין וואס איר האט געשריבן אין אייער שיינער און אינהאלטסרייכער אויסגאבע פול מיט תורה און יראת שמים וועגן אריינקוקן אין גליונות און ספרים בשעת'ן דאווענען, וואס איז נישט אויסגעהאלטן און ברענגט נישט קיין נחת רוח פאר די מחברי ספרים, האב איך געוואלט מוסיף זיין וואס עס שרייבט אין דעם ענין רבי חיים אבולעפיא זצ"ל, אז ווען ער האט געליטן יסורים האט ער געטון וואס חז"ל האבן געזאגט, אז ווען עס קומען יסורים אויף א מענטש זאל ער אריינטראכטן אין זיינע מעשים און אויב ער טרעפט גארנישט וואס זאל דאס האבן גורם געווען, זאל ער עס תולה זיין אין ביטול תורה. האט ער געטראכט אז דאס איז אים געקומען צוליב דעם וואס ער האט געדאוונט

ביי א מנין וואו מען איז שטארק מאריך מיט דער שטילער שמונה עשרה, און בשעת דער ציבור איז נאך געשטאנען שמונה עשרה, האט ער גענומען א "חק" און ארייינגעקוקט דערין ביז דער שליח ציבור האט שוין אנגעהויבן חזרת הש"ץ און געהאלטן אינמיטן ברכת אבות, און דעריבער זענען געקומען אויף אים די יסורים, צוליב "ביטול תורה", דאס הייסט, צוליב דעם וואס ער וואלט געדארפט מבטל זיין דאס לערנען תורה און ארייינקוקן אין א ספר בשעת מען דאוונט, וואס דעמאלט איז א צייט צו דאווענען און נישט צו לערנען, וואס איז מבטל דאס דאווענען.

אז כ'שרייב שוין, האב איך געוואלט צוגעבן א מעשה וואס האט פאסירט אין שייכות מיט דעם ענין. א אינגערמאן, איינער פון אונזערע בני החבורה, איז ל"ע קראנק געווארן אויף דער שרעקליכער מחלה, ה"י, און מיר האבן דעמאלט געהערט אז כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א האט איינגעפירט אז מען זאל נישט אויסטיילן קיין שום גליונות פאר'ן דאווענען, נאר ערשט נאך "עלינו". האבן מיר געטראכט, וואס איז דער ענין דווקא פון דער דאזיגער תקנה? און זיצנדיג ביי דער "חברה", האט יעדער פון אונז געגעבן א הסבר אויף דער גרויסקייט פונעם ענין פון תפילה, און מען האט גערעדט וועגן דעם אז בשעת'ן דאווענען איז א צייט פון דאווענען און נישט פון לערנען, וואס דאס איז מבטל דאס דאווענען. און מיר האבן מקבל געווען אויף זיך לרפואה פון דעם אינגערמאן, נישט מעיין צו זיין אין קיין שום ספר אדער גליון בשעת'ן דאווענען.

איין חודש שפעטער, האבן מיר געהערט די גוטע בשורה אז דער אינגערמאן קומט שוין צוריק צו די כוחות און וויל שוין אנהייבן נאכאמאל זיך משתתף זיין ביי די "חברות", און ב"ה, ער איז אויסגעהיילט געווארן פון זיין קראנקהייט.

נישט אז מען דארף ברענגען ראיות פון אותות ומופתים, נאר דאס איז געווען די מעשה, וואס איז א גרויסע מוסר השכל. לאמיר זיך אלע מחזק זיין אין דעם ענין און פועל'ן א שנה טובה ומתוקה.

החותם בברכה, משה בלום

(מתוך הגליון הליכות החיים - ונעתק ברשות המערכת)


בס"ד

שיקט א קוויטל צום תוס' יו"ט
און זעט ישועות!

א שליח מיוחד פארט ארויס
פון "ניו יארק" קיין קראקא
צום ציון פון תוס' יו"ט

און וועט זיין דארט ביום היארצייט ו' אלול הבעל"ט
און זאגן דער "מי שברך" פאר אלע וואס זענען מקבל
קבלת טובות בקדושת בית המדרש.

און וועט אויך מיטנעמען די קוויטלך צו רבי שמעון
אין מירון און רבי אלימלך מליזענסק זצוק"ל.

צו שרייבן א " שטר קבלה" שיקט צו:
Fax number (718) 504-7120
Email address kviteltyt@gmail.com



שטר קבלה

קוויטעל לתוספות יו"ט

הריני מקבל עלי בלי נדר קבלות טובות
בעניני תפלה וקדושת ביהמ"ד:

קדושת ביהמ"ד - בימות החול
- ○ שלא לדבר משעת התחלת "ברכות" עד אחד "עלינו".
- ○ שלא להתפלל עם סעלפאן פתוח (אף ווייבערעט).
- ○ שלא להכניס סעלפאן בשעת התפלה.

זמן קרי"ש ותפלה
- ○ זהירות יתירה לקרוא קרי"ש בזמנה.
- ○ זהירות להתפלל שחרית לפני סוף "זמן תפלה".

קדושת ביהמ"ד - בשבת קודש
- ○ שלא לדבר משעת התחלת "הודו".
- ○ שלא לדבר בשעת חזרת הש"ץ, קדיש, וקריאת התורה (אפילו בין גברא לגברא).
- ○ שלא לעיין בגליונות בשעת חזרת הש"ץ, קדיש וקדושה.

הרינו מקבל קבלות אלו לעשות נחת לבורא יתברך שמו

○ עד_______ ○ עד ממחרת יוהכ"פ הבעל"ט ○ עד זאת חנוכה הבעל"ט

הריני מבקש מרבינו מרן התוס' יו"ט לעורר רחמים בשמים, שבזכות הקבלה טובה ובכח הרבים, אזכה אני ובני ביתי לפרנסה בריוח, לנחת דקדושה מיוצאי חלצי, לבריות הגוף והנפש, ואבקש בפרטיות:

______________________________

מי שברך אבותינו, אברהם יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה, הקדוש ברוך הוא ישמרהו מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בספר תורת משה רבינו ובכל ספרי הנביאים והכתובים, ויזכה לראות בנים חיים וקימים ויגדלם לתורה ולחפה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלקינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן.

חתימה ____________________

אידן זעהן ישועות חוץ לדרך הטבע
בזכות שתיקה יפה בשעת התפלה!

שיקט אייער "שטר קבלה" און קוויטל צו:
Fax : (718) 504-7120 Email: kviteltyt@gmail.com



בס"ד



**אסור ללמוד בחזרת הש"ץ**
יזהר מלומר תחנונים או ללמוד בעת חזרת השליח ציבור.
(משנה ברורה)

**אין תפילתו נענית ומפסיד מה שקיבל**
רגיל אני למחות באותם האנשים המתפללים תחינות ובקשות בעת ששליח הציבור חוזר התפילה, כי בודאי מה שביקו לא ניתן להם ומה שבידם ניטלה מהם, כי בא זה ואיבד את זה.
(ווי העמודים)

**אפילו דרך עיון בעלמא אסור**
אפילו דרך עיון בעלמא לא יעיין בספרים אחרים, אלא יתן דעתו לשמוע כל הברכות מהשליח ציבור.
(ווי העמודים)

ומקדשי תיראו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com